1 געד - 4

?נ                                                    |געדאגן| ג י ד א ג ן, בנב.

15.4.4 " דא וואלטן זיין לוייט שאול הון דר שלאגן.//

ער הילט זיא אויף מיט ווארטן ער שפראך איר זולט

גידאגן". שמואל=בור, פערז |סטראפע?| 594.

רעד: אין קארטל, איז דא אן אויסטייטש: גידאגן=
DAVN ABLASSEN. וואס מיינט עס? איז אויך געווען
א ווערב 'דאגן'?

2 – 312

ג ע ד אָ ג ע ט [געדײַגעט] – פֿאַר פֿון דאגהן.

3 - 3ט״ג

ג ע ד אָ ו ו ן - דאָס/דער, באַ. (שנש) דאָס דאַוונען

אַ סך, פֿון אַ סך מענטשן.

1960 " |...| דאָס יאָמערדיקע געדאַוון אין הייליקן

טאָג, ווי אויך די היץ פֿון די ברענענדיקע יום=

יום=כּיפּור=ליכט אין די זאַמדקאַסטנס". י.י. טרונק, פּאָר 68

צ׳ טאָג, IX/2.

3

ג ע ד א וו נ ט - 1. פֿאַר פֿון דאַוו(ע)נען.

|| גע‍דאַוונטער - אַדי, סובסטאַנטיווירט. 1. דער וואָס האָט שוין געדאַוונט.

1900 " פֿריילין, |...| פֿיליכט באַקומט מען ביי איך אַ ביסל וואַסער, ווייל איך בין נאָך ניט קיין געדאַוונטער". אַנ. די שרעקליכע נאַכט, ז' 6. א/3

2. (שנש) דער צו ווּעמען מע דאַוונט.

1968 " אונדזער טייערער, איינציקער גאָט,// דער געדאַוונטער און געבענטשטער |...|". גלאַטשטיין. פֿער 9, פּסח=נומער, ז' 12. ב/3

ג ע ד א ו ו ע ר ן - אוטוו. (דיאל) דזוו געדויערן.

1833 " |...| אונ חאטשי איר מאן בייזערט זעך אמאל אויף איר זאל זי ליידן, ווארום וויפל גידאווערט גאר זייך עס |...|". איבז ר' משה |...|, 2.

1851 " דרום זיי זאלן זיך מערן אייערע טעג |...| און די טעג פון אייערע קינדער |...| אזוי ווי די טעג וואס דער הימל טוט גידאווערן אויף דער ערד". חומש עברי=טייטש, דברים, יא - כא.

6 - 3ii (באַנייטער אַרכאַיזם) .ן= ,דאָס/דער - I גע דאַכט

1. דמיון, פֿאַנטאַזיע, עפּעס וואָס דאַכט זיך, להיפּוך,
צו //אַר.

1932 " דער פּעליעטאָן |...| דאַרף זיך באַזירן אויף
א קאָנקרעטן פֿאַקט, |...| מעג אפֿילו דער פֿאַקט 69
אונטערגעטראָגן ווערן אין דער פֿאַרעם פֿון אַ
קינסטלערישן **געדאַכט**". סטרעליץ, 2, 3.

1956 " |...| צורירן צו זיי וועלן זיך אויך די
טרייסטנדיקע ווערטער |...| אָפּגעווישט צווישן 38
**געדאַכט** און וואָר". מאַרקיש, 10, 215.

1966 " מיַין וואַכיק קינדעריש **געדאַכט** // געמאָלט
האָט זי אין שטוב |...|". האַלקין, 4, 235. 9

2. געדעכעניש, זכרון, דערמאָנונג(ען).

1939 " אז דער פֿירער איליטש איז געקומען צו זיך,
// געקומען צו זיך און צום פֿולן **געדאַכט**". פּרץ 42, 4
~~זב דאס געזאנג פון די פעלקער~~, ז' 14.

7-3.. "כ'האָב געבראַכט פֿאַר דיר אַ צווייגל קאַרשן, // 1939-1937

צײַטיק, צאַפּלדיק ווי מײַן **געדאַכט**". סוצקעווער, 3, 118. 30

1966 " בײַם ערשטן בליצלעכן פֿאַרטראַכט, // צי דאָס

קומט שפּעטער ערשט צו וועקן דײַן **געדאַכט**?". 34

האַלקין, 4, 36.

□ **גידאַכט/גדאַכט.**

3. געדאַנק, פֿאַרשטעלונג וועגן עפּעס.

1723 " אך גאט ווער העט גזעלט אויף אזו איין חורבן

טרכטין // אזו ווייט זיין ניט גיגנגין אונזרי 52

**גדכטין**". איין נייע קלאג ליד פון חורבן ק"ק וורמיישא.

1734 " וואש פאר אורזאכט מעהר שמערצין // אונד

מעלאנקאלישה **גדאכטן**, צווייא דיא זיך גרונדליך 29

הערצין // אונ' שטעץ איינר אויף דעם אנדרן טוט

טראכטן". לשון זהב, 1, 14.

8 – 3ג

ג ע ד אַ כ ט !! – 1. פֿאַר פֿון דאַכטן (זיך).

2. אַדי/אַדוו. וואָס איז אין (פֿון) דער פֿאַנטאַזיע, ניט רעאַל, ניט וואָר, וואָס איז גאָר אין געדאַנק, אויסגעטראַכט.

1943 " וויי צו אים! – האָט ער אַ פֿאַרצווייפֿלטער אין דעם געדאַכטן בריוו אויסגעשריגן |...|". קאַנק
דער נסתר, 5, 429.

1956 " |...| דאָס ליד פֿון אַ וואַנדלער מיט אויגן פֿאַרמאַכטע!// וואָס זינגט וועגן סודות נאָך קיין מאָל געדאַכטע". 64
אַלף כץ, ~~זש׳ צוקונפֿט~~ פֿון 169, נ׳ מאַי.

3. (עלט) דערמאָנט (פֿריער, אויבן, ווייטער), אָנגערופֿן, אויסגערעכנט.

1836 " אָבער דאָס באַנוצן פֿון די געדאַכטע מיטלען, זיינען ניט נאָר אומנוציג אָבער אַפֿט זייער שעדלעך" 27

9 — 3½

4. (עלט) ענלעך, לויטן אויסזען, גערואַטן (איך).

1869 " אַנקוקנדיק אים, איז ער גע<u>דאכט</u> איין אָפּגעבאַרעט

82 יידל, בלייך, גרוי ווי אַ טויב, פֿרום "שטיל".

<u>מענדעלע, 5.</u>

ם

<u>גידאכט.</u>

---- 3.

1626 " אויף דעם אויך וואש ווייטר <u>גידאכט</u> איז דא

110 איז זיך מיין הרץ דער שרעקן". <u>ס' המגיד, 1, איוב, לז–א.</u>

|1741?| " דיינע רייד וואלטין באוויליגט גיווארין

51 פאר דיא מלאכים וואס זי ווערין אן גירופין בנות

ירושלים וויא אובין <u>גידאכט</u>". <u>ס' שיח ספונים.</u>

.................................................................

<u>רעד</u>: לויטן אויסלייג איז די ציטאַטע אויסגעשריבן פון אַ שפּעטערדיקע אויסגאַבע, אָבער אויפן קאַרטל איז ניט קיין שום ביבליאָגראַפיע, חוץ דעם טיטל.

געדאַכט !!! / געדאַכטן - אוטוו. (עלט)

אימפּערפּעקטום=פֿאָרמעס פֿון דענקען אָדער געדענקען.

פּפּ געדוכט. 1. טראַכטן, אויסטראַכטן, מיינען,

[(איך) געדאַכט = (איך) האָב געטראַכט. (זיי) געדאַכטן

= (זיי) האָבן געטראַכט.]

1852 " דער מנהג איז זמרות צו זינגן, וואס אליהו

הנבה |=הנביא| ז"ל דרינן גידאַכט, איז ער ווערט 60

קומן די בשורה אן זאגן פין דר גאולה". ס' עץ חיים,4.

1872 " אַבער אדם דער גידאַכט ניט אזוי".

צאינה וראינה, 3. 68

גידאַכטן/גדהטן, פּפּ גידוכטן.

1. <----

... " בדא מלבו - ער גדהטא וון אימא זעלבר".

רייכלין, מלכים א', יב - לג. 13

1544 " זיא טרוגן אורים אונ׳ תומים דארום ליץ ער

דאר.// ער <u>גידוכט</u> איך גוט וראגן לעכט ווערד איך 116

גיוואר". <u>שמואל=בוך. פּערז (סטראפֿע?) 513</u>.

1686 " דא וואר עז דעם ווירט וואל גיפאלן //

אז ער האט גיהערט פון דען קעשטליכן דינגן // 73

ער <u>גידוכט</u> מעכט איכש נייערט דער צו ברינגן".

<u>ס׳ משלים, 1, מט - !!</u>.

1689 " און זיי <u>געדאכטן</u> אים צו טייטן".

<u>באר משה, בראשית, לז - 18</u>. 114

<u>באמ:</u> אויסלייג מאָדערניזירט אין קאַרטל.

1723 " |...| וויא זיא נון אויף קומן דא <u>גידאכטן</u>

זיא דז איז איין ביקס פול מיט סם המות". 113

<u>לב טוב, 2, 152/ד</u>.

ג ע ד אַ כ ט IV/געדאַכטן זיך - אוטור. (עלט)

אימפּערפּעקטום-פּארמעס פון דענקען/געדענקען זיך.

טראַכטן זיך, פאַרשטעלן זיך, דאַכטן זיך.

|ער געדאכט זיך = ער האט זיך געטראַכט. זיי געדאכטן זיך = זיי האבן זיך געטראַכט|.

1872 " זי |חוה| געדאכט זיך דאס איז גוט, דאס מיר ווערן זיין אז ווי די מלאכים". צאינה וראינה, 111
3, בראשית.

ם גידאכטן זיך/גדאכטן זיך.

1737 " ויאמר אל לבי - אונ' ער גידאכט זיך אין זיך זעלברט". מלמד שיח, 1, 8/I. 117

1743 " דען זיא גדאכטן זיך דש עש דורך דיא גאטליכי בשיקונג ווער גשעהן". שארית ישראל, 1, כד - II. 119

ג ע ד אַ כ ט ו ו ע ר ן - (עלט) דערמאָנט ווערן,

דערמאָנען זיך, פֿאָרברענגען, האָבן אין זינען.

רעד: געבן די פּאָזיציע צוזאַמען מיט דאַכטן?

1819? " מען זאל הייסן אונזרי לייט זאלין עס

109 אויסקויפן אונ' עס דאס בוך פרברענגין צו אלדיא

שווארצי יאהר, עס זאל זיין נאמין ניט געדאכט ווערדען

אויף דער וועלט". פּערל, 1, 3.

1832 " עש איז גיקומין א ציטרניש, דער טאג פון

108 ראש השנה וואש אין אים ווערן גידאכט אלי בשעפנישׂ".

מחזור 2 - 3, יג/ב.

1848 " אונ זאלין גידאכט ווערן צו גוטן פאר גאט

103 אזו ווי זיי זענין גידאכט גווארן אז זיי האבן

גיבלאזן מיט דיא טרומייטן בייא דיא קרבנות".

מחזור 4, יוצר ליום ראשון של סֻכות.

ניט געדאַכט זאָל ער (וואַר: זאָלסטו, זאָל זי, זאָלן זיי)
ווערן! – קללה, מיטן באַטײַט: אויפֿהערן צו זײַן,
פֿאַרשווינדן.

1913 – 1916 "דאָס האָט די קאַץ |...| זיך אַרײַנגעכאַפּט
אונטערן פּאַדפּיטשניק און ספּאַלאַשעט די עופֿות,
ניט געדאַכט זאָל זי ווערן". שלום=עליכם, 3ג, 177. 99

דײַן פֿוס זאָל בײַ מיר (וואַר: דאָ, דאָרט אַע) ניט געדאַכט
ווערן! – זאָלסט זיך ניט דערוועגן צו קומען
צו מיר, מע זאָל דיך מער דאָ ניט זען!

ס'זאָל קעגן נאַכט ניט געדאַכט ווערן – פּלעגט ווערן
געזאָגט ווען מע האָט דערציילט אין אָוונט/בײַ
נאַכט עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך.

ניט דא געדאכט - רעדוצירט פון ניט דא זאל עס ווערן געדאכט - באטייט: הלוואי ס'זאל דא ניט געשען דאס אייגענע, געזאגט ווען מע דערמאנט עפעס א שלעכטע זאך וואס איז ערגעץ, מיט עמעצן געשען.

דאס זעלבע אין פארשיידענע וואריאציעס:

ניט פאר אייך (פאר ונדז) געדאכט, ניט היינט געדאכט, ניט פאר קיינעם געדאכט, ניט פאר קיין שום יידן געדאכט א"א.

1864 " אז דער מת, נישט פאר אייך געדאכט, נישט פאר קיין יידן געדאכט, ליגט מיר, שונא=ציון, אין דער ערד ". מענדעלע, 12, 23. קאנק

1935 " אפשר ביסטו א בעל=מום, נישט פאר קיין יידן געדאכט, א קאליקע?". י. י. זינגער, 5א, 162. 76

1968 " אין דיר אבער איז אריין א דיבוק, ניט דא געדאכט". גראדע, 7, 167. קאנק

נ׳ט אויך מיין מאס געדאכט - דזוו *נ׳ט פאר מיר געדאכט*

צו גוטן געדאכט (וואר: אלץ גוטן געדאכט); אלדאס גוטס

געדאכט) - געזאגט ווען מען רעדט וועגן עפּעס

א שלעכטער געשעעניש.

גידאכט ווערן.

1626 " שפּריכט דער הירט דאס שאף איז ווידר קירט |?|

106 גיוואַרן אונ׳ דער שטאל איז גיבויט גיוואַרן,

אונ׳ איך בין נ׳ט געדאכט גיוואַרן".

ס׳ המגיד 1, תהילים, ע - א.

1711 " אך ראש השנה איז שרה אונ׳ רחל אונ׳ חנה

107 גידאכט גיוואַרן דש זיא זאלן טראגן ווערן".

מנורת המאור, 1, קלד/ב.

16/1

גע -

ג ע ד אַ́ כ ט ע נ י ש ! - דאס, =ן. דזוו גערדאַכט !

|צאַניין וובּ|.

ם | געדאַכטעניש || ג ע ד א כ ט נ י ס - ----→

געדעכטעניש/געדעכעניש.

ג ע ד אָ ל ב ע ט - פֿאַר פֿון דאָלבען.

19 – גע

ג ע ד א מ ל ט – אדי/אדוו. בנב.

1885 " ואמר אביה של הנטבע שהבגדים הי' גרא טוך

122 והויזן הי' דער גרונט שווארץ געדאמלט |טעקסט:

געדאממעלט| מיט געלע דאמענס". פאנעט, 1, כט/3.

20

ם |געדאָנע| ג ד ו נ א - די. 1. געטומל, ליאַרעם,

מהומה. מה"ד Gedoene

... " ושאננך - אונ' דין גדונא, כמ' קול שאון,

125 ל' הומה". רייכלין, 8, מלכים ב', יט - כח.

128 ... " המולה - גדונא, ל' המון". דצוו, ירמיה, יא -טז.

2. ניגון.

132 ... " הגינה - דש גדונא, ל' ניגון". דצוו, יחזקאל, מב-יב.

ג ע ד אַ נ ק - דער, =ען. 1. פּראָצעס פֿון דענקען,
דערקענטעניש=פּראָצעס, דאָס טראַכטן, דאָס אורטלען.
% קאָנצענטרירן די געדאַנקען. די אַלע פּראָבלעמען
פֿאַרנעמען זײַן געדאַנק. דער געדאַנק אַרבעט אינטענסיוו
צו לייזן די אויפֿגאַבע. די געשעענישן גייען מיר
ניט אַרויס פֿון געדאַנק. דער טומל האָט איבערגעריסן
דעם לויף פֿון די געדאַנקען.

1888 " דאָרט אין קאָפּ בײַ איר |...| הייבט אָן
פּלוצעם צו טאָגן - עס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פּונעם 307/א
שלאָף דער יונגער שכל, מיט אים האָבן זיך אויך
גערירט געדאַנקען און זיך גענומען צום עסק:
אַלצדינג צו באַטראַכטן, צו פֿרעגן וואָס באַטײַט דאָס,
וואָס יענץ |...|". מענדעלע, 3, 181.

1912 " וויפֿל מיר זאָלן ניט בודק זײַן אין געדאַנק
די טבֿע פֿון דעם אַטאָם, וועלן מיר קיין מאָל אין 445
אים ניט געפֿינען דעם גרונד, וואָס זאָל אונדז מאַכן
אײַנזען די אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט פֿון יענע
געזעצן". זשיטלאָווסקי, 3, 29.

1923 "וועך ער |דער מענטש| קוקט זיך אַרום, זעט
ער זיך אַרומגערינגלט פֿון אַן אייביקער שוואַרצער 167
חושכדיקער נאַכט, איך וועלכער נאָר זיין געדאַנק
לייכט זיך מיט אַן אייגן ליכט". גוטנבוים,1,109.

1959 " ער קלייבט ניט אָפּ דאָס וויכטיקסטע, ער
טיילט ניט אויס דאָס, וואָס עס האָט באַפֿרוכפּערט 369
זיין געדאַנק". ניגער, 9, 31.

2. רעזולטאַט פֿון דענקען – פֿאָרשטעלונג אָדער באַגריף
וועגן עפּעס, אויספֿיר, הנחה, אידעע, סענטענץ.
% נייער (אינטערעסאַנטער, ערנסטער, לאָגישער)געדאַנק.
קלוגע (טרעפֿלעכע) געדאַנקען. טיפֿע געדאַנקען עס מאַטערט דער געדאַנק
אַז מע וועט מוזן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. עס באַהערשן
אים טרויעריקע געדאַנקען. ער פֿאָרמולירט דעם געדאַנק
אין איין זאַץ.

23.

1805 " דו |גאַט| האשט אוך בטאפּט אלי זייני כלים
דש איז זייני שלעכטי גדאנקין". בחינת עולם,2,לז-2. 393

1864 " ס'איז מיר אַריַין אַן אַפּיקורסישער געדאַנק
נישט צו באַניגענען זיך מיט דעם גלויבן אין דער 233
מאַמעס ווערטער, און איך בין ציקאַווע געווען אַליין
צו פּרוּוון ". מענדעלע, 14,12.

1891 " א טייך האט איר... - וויל איך אים אַוועקציַען
פּון די טרויעריקע געדאַנקען". פּרץ, 16, 75. 386

1912 " אַן אַלעגאָריע איז אַ גאַנצע, פּולע איבערזעצונג
פּון אַ וועלכן ס'איז געדאַנק אין דער שפּראַך פּון 252
בילדער". זשיטלאָווסקי, 1, 159.

1936 " ער האַט זיך ווידער ניט געגעבן קיין חשבון,
אַז דער געדאַנק איז ניט זיַינער, אַז ער האַט אים 310
געהערט פּון אַן אַנדערן". מ. אלטמאַן, 3, 52.

1964 " קיין איינער פּון דער קאַמאַנדע טראַכט נאָך
ניט וועגן אַרויפּציִען וואָס אויף דעם בלויזן קערפּער. 333

שוידערן מאַכט נאָר דער גערדאַנק צו באַרירן די הויט,
וואָס איז אַזוי פאַרשרפעט פון דער קראָפּעווע".
י. קאַפּלאַן, 1, 246.

3. סיסטעם פון געדאַנקען, קאָנצעפּציע, וועלטבאַנעם,
איבערצייגונגען. % דער השׂכּלה=געדאַנק האָט זיך גיך
פאַרשפרייט צווישן יידן אין מערב=אייראָפּע.
דער ציוניסטישער געדאַנק האָט פאַרכאַפּט אַ גרויסן טייל
פון דער יוגנט. זיי האַלטן זיך שטייף בײַ זייערע
געדאַנקען. פרייער (רעוואָלוציאָנערער) געדאַנק.

1887 " די וואָס לעבן ענג נישט נאָך זייערע געדאַנקען
נאָך, מוז זיי צום סוף איבערדריסיק ווערן זייער 219
איינפירונג". זאביעזענסקי, 1, 50.

1912 " גאַנץ להיפך צו מאַרקס' געדאַנקען האָט מען זיך
איינגעשמועסט, אַז זייער ראָלע אין דער געשיכטע איז 248
אַלע מאָל געווען זייער אַ קליינע". זשיטלאָווסקי, 3, 175.

1935 " זיי וועלן פון אַגרויסן נאַציאָנאַלן געדאַנק
מאַכן אַ שטיקל אָפּגעזעסן ברויט". הירשביין, 5, 68. 299

1959 " און אַזוי ווי די דיכטונג, איז אויך די קריטיק
|...| געווען די פירערין פון געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, 294
די טריבונע פון פּאָליטישן קעמפּער, די בימה פאַר יעדן
פריידיקער". ניגער, 9, 314.

4. פּלאַן, פּראָיעקט, כוונה, ווילן, שטרעבונג. % דער
געדאַנק צו שאַפן אַ יידישע קולטור=געזעלשאַפט איז גיך
רעאַליזירט געוואָרן. אַלעמען איז געפעלן דער געדאַנק
צו מאַכן דעם שפּאַציר.

1878 " און קאָלומבוס, בשעת אים איז אַריין דער
געדאַנק צו אַנטדעקן אַמעריקע, האָט נעבעך שטאַרק 152
געליטן". מענדעלע, 16, 69.

1903 " ציִיטנוויִיז פֿלעגט אים איִינפֿאַלן אַ <u>געדאַנק</u>

אויסצולערנען נאָך אַ פּאָר דרשות, אָבער ברענגען זיִין 416

רעיון בפּועל איז אים זייער שווער געווען.

<u>א. רייזען, 3, 167</u>.

1936 " איך זיִין טאַטעשן קאָפּ האָט זיך שוין געבאָמבלט

אַ <u>געדאַנק</u> וועגן אַ תּכלית". <u>י.י. זינגער, 6, 69</u>. 399

1948 " דער עולם האָט אים |דעם פּלאַן| צו ערשט

אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט און מיט הסכמה מיט די קעפּ קאנק

געשאָקלט: אוודאי... אַזאַ יאָר אויפֿן עולם, וואָס

פֿאַר אַ גוּוטער <u>געדאַנק</u> ס'איז און וואָס פֿאַר אַ גאָלדענע

נוצן מען קאָן פֿון אים אַהויסציִען". <u>דער נסתר, 6, 280</u>.

5. באַטיִיט, מיין, זינען. % גערעדט האָט ער דווקא

אַ סך, אָבער איך האָב ניט געכאַפּט דעם <u>געדאַנק</u>

פֿון די רייד.

1864 " איך האָב דעם דאַזיקן שמועס געהערט אין גאַנצן פֿאַרשטאַנען, דאָס הייסט נישט דעם גערעדטן, דעם פּשט דערפֿון, דאָס איז געווען נישט פֿאַר מײַן מוח". קאָנק

מענדעלע, 6, 49.

1975 " מ'מעג דען טאָן אַזאַ זאַך? |...| – מסתמא מעג מען |...| – וואָס איז דער גערעדטן דערפֿון, האָ?". קאָנק

באַשעוויס, 6, 119.

|| גערעדטל/גערעדטעלע – דאָס. =עך. פֿקפֿ פֿון גערעדט (געניצט נאָר איראָניש אָדער פּעיאָראַטיוו).

1939 "|...| איז מערעך דורכגעלאָפֿן אַ בײַזער גערעדטל".

שניאור, 4, 138. 491

1944 " אין איר באנומענעם קאפ האט איר געעקבערט
איין פארצווייפלט גערדאנקעלע". שניאור, 8, 75. 493

**געדאנקענווייז** – אדוו. (רעג? פד?) לויטן זכרון,
פון זכרון (ניט פון א רשימה).

......................................................................

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש, כאטש דאס איז,
דאכט זיך, דער איינציק מיגלעכער אין דעם
קאנטעקסט פון דער וויטערדיקער ציטאטע).

......................................................................

1970 " די געראטעוועטע זיינען געגאנגען גערדאנקענווייז
פון הויז צו הויז און האבן אויסגעשריגן אלע נעמען 541
פון די, וואס האבן זיך ליידער נישט געראטעוועט".
ל. פיוולאוויטש, יזב זלאטשעוו, ז' 417.

גע'דאַנקעניש – דאָס, בא. (שנש, איר?) דאָס גענקען.

1958 " אַ דיכטעניש אָן ווערטער, // אַ דאַכטעניש

דערהערט ער, // וואָס רופֿט פֿון יענער זייַט געדאַנקעניש". 545

אלף כּץ, דש' אידישער קעמפּער, IX/26.

<table><tr><td>

רעד: ספֿק צי מע דאַרף געבן דאָס וואָרט, ס'איז

אַ טיפּישער עפּעמעריזם...

</td></tr></table>

גע'דאַנקענלאָז – אַדי/אַדוו. (דטשמ) אָן געדאַנקען,

ליידיק פֿון געדאַנקען. % דאָס בוך איז אין גאַנצן

געדאַנקענלאָז.

גע'דאַנקענלאָזיקייט – די, בא. (דטשמ) אייגנשאַפֿט אָדער

מצב פֿון זייַן אָן געדאַנקען. % די רעדעס זייַנע

צייכענען זיך אויס מיט זייער געדאַנקענלאָזיקייט –

ער רעדט אַ סך און זאָגט גאָרניט.

געדאנקען=אויסבייט - דער, =ן. דאָס קעגנזייטיקע טיילן זיך מיט אידעען, דאָס איבערגעבן עמעצן מינדלעך אָדער שריפֿטלעך אַ צאָל אידעען און אויסהערן יענעמס. o

% אויפֿן קאָנגרעס איז געווען אַ שעפֿערישער געדאנקען=אויסבייט צווישן די דעלעגאַטן וועגן עניין עליה.

געדאַנקען=אויסטויש - דער, =ן. דזוו געדאַנקען=אויסבייט.

% די דאָקטוירים האָבן פֿאַר דער אָפּעראַציע געהאַט א קורצן געדאנקען=אויסטויש וועגן מצב פֿון חולה.

געדאנקען=איבערגאַב - דער, =ן. | סטוטש 616 | . טעלעפּאַטיע.

געדאנקען=איבערטראַג - דער, =ן. | סטוטש 616 | קזוו דפּוו.

<u>געדאַנקען=אַסאָציאַציע</u> – <u>די, =ס.</u> פֿאַרבינדונג פֿון
געדאַנקען דורך אַן אינהאַלטלעך מאָטיווירטער שייכות.
% ווען דער באַגריף 'קאַלט' רופֿט אַרויס דעם באַגריף
'וואַרעם', האָבן מיר אַ <u>געדאַנקען=אַסאָציאַציע</u>
דורך קעגנשטעלונג.

<u>געדאַנקען=גאַנג</u> – <u>דער, בא.</u> אויפֿן פֿון דענקען, פֿון
המשכדיקן צונויפֿשטעל פֿון געדאַנקען. % לאָגישער
<u>געדאַנקען=גאַנג</u>.

1965 " עס פֿילט זיך שטאַרק דעם מחברס סכאָלאַסטישער
<u>געדאַנקען=גאַנג</u> |...| בעתן אַנאַליזירן פּאָליטישע 540
סיטואַציעס, וואָס פֿירט אַלס פֿעל=יוצא נאָר צו
סאָפֿיסטיק און צו מאַכן בויך=סבֿרות".
פֿער 107
<u>זב ~~ליטע 2~~, 46</u>.

<u>געדאַנקען=וועלט</u> – <u>די, =ן.</u> סיסטעם פֿון באַגריפֿן,
אופֿן פֿון דענקען. % די כינעזישע <u>געדאַנקען=וועלט</u>
איז גאָר אַנדערש פֿון דער אייראָפּעיִשער.

<u>געדאַנקען=לויף</u> – <u>דער, בא.</u> |<u>סטוטש</u> 309|. <u>דזוו</u>
<u>געדאַנקען=גאַנג</u>.

געדאַנקען=לייענער - דער, =ס. |וועב...| =לייענערין/קע.

דער וואָס קען לייענען פרעמדע געדאַנקען.

געדאַנקען=פאַרבינדונג - די, =ען. 1. דזוו געדאַנקען=

אַסאָציאַציע.

2. דאָס בינדן איין געדאַנק מיטן אַנדערן. % דער רעדנער

צייכנט זיך אויס מיט אַ לאָגישער געדאַנקען=פאַרבינדונג,

און ס'איז גרינג אים צו פאַרשטיין.

געדאַנקען=פרייהייט - די, בא. דאָס קענען אַרויסברענגען

מינדלעך אָדער שריפטלעך אידעען און מיינונגען,

די מיגלעכקייט פון אומגעשטערטן אויסלעבן זיך

(רעליגיעז, פּאָליטיש) יעדער לויט זיינע אידעען.

1919 " ווערט אָבער מיין נאַציאָנליזם באַגרינדעט אויף

מיין שפּראַך,|...| איז יעמאָלט באַגרענעץ איך נישט

קיינעמס געדאַנקען=פרייהייט". זשיטלאָווסקי, 8, 227.

479

געדאַנקען=קייט - די, =ן. |אוווו| . געדאַנקען=אַסאָציאַציע |?|.

12

33 - 3½

גערדאַנקענרײַך - אַדי/אַדוו. |סטוטש 309|. וואָס האָט אַ סך (אָדער טיפֿע, אינטערעסאַנטע) געדאַנקען.

% מיר האָבן געהערט אַ געדאַנקענרײַכן רעפֿעראַט וועגן פּרצן.

גרונטגעדאַנק - דער, =ען. וויכטיקסטער, פֿירנדיקער געדאַנק פֿון אַ ווערק, פֿון אַ טעאָריע אַע.

% גרונטגעדאַנק פֿון בוך.

1912 " איך איר שלומערט שוין דער גרונטגעדאַנק פֿון מאַרקס' בליק אויף דעם מהות פֿון דער אַרבעט". זשיטלאָווסקי, 2, 157. 302

הויפּטגעדאַנק - דער, =ען. דזוו דפּוו.

ד) <u>פרייִער געדאנק</u> - ניט=רעליגיעזער וועלטבאנעם.

1966 " שעלי |...| האט די 16=יעריקע האריעט |...|

איבערגעקערט צום <u>פרייִען געדאנק</u>". <u>י. גאלדקארן</u>, 225

<u>~~דש' אונדזער צייט~~, נ' 1.</u>

א) <u>שווערע געדאנקען</u> - טרויעריקע, דערדריקנדיקע.

1930 " די ווארטסט אומהיימלעך און געשפאנט, מיט

<u>שווערע געדאנקען</u>, וואס לויערן ווי געשפענצטער". 300

<u>איינהארן, 7, 19.</u>

ב) <u>איין געדאנק (זיין)</u> - איינשטימיק איינמוטיק, האבן

די זעלבע מיינונג. % ביידע חברים <u>זיינען איין</u>

<u>געדאנק</u>.

<u>פון (מיין) געדאנק/געדאנקען</u> - אליין באטראכט, אריגינעל,

ניט געלייענט ערגעץ.

1892 " איר מיינט |...|, אַז איך רייד עס פֿון

מײַנע געדאַנקען, נײַן, איך זאָג, ווי מע זאָגט, 429

פֿון בלאַט". בודזאַהן, 21,1.

אַן געדאַנקען (זײַן, בלײַבן, ליגן) – אָן באַוווסטזײַן,

אין חלשות.

1896 " ער איז געלעגן דרײַ טאָג אָן געדאַנקען,

גערעדט |...| פֿאַר פֿײַער און פֿאַר וואַסער, ביז ער 234

האָט די נשמה אָפּגעגעבן". בינשטאָק, 1, 44.

בײַ די געדאַנקען (זײַן) – 1. בײַם פֿולן באַוווסטזײַן,

ניט אין חלשות, ניט אין שלאָף.

1888 " אַ קלײנער טײל ײדן זענען מיט דעם באַגין

אויפֿגעשטאַנען לערנען. צווישן זײ אַזעלכע, וואָס די קאנק

אויגן נאָך פֿאַרשלאָפֿן, נישט רעכט בײַ די געדאַנקען".

מענדעלע, 3, 187.

2. מיושבֿדיק, בײַם קלאָרן זינען, ניט משוגע.

1968 "ביסט ניט בײַ די געדאַנקען, ראַניע, |...|
האָסט אַ מאַן און ביסט אַ מאַמע פֿון קלײנע קינדער, קאנק
האָסטו זיך אַרײַנגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ".
גראַדע, 7, 166.

בײַ אַלע (וואָר: בײַ די קלאָרע) געדאַנקען – ניט משוגע,
בײַם קלאָרן זינען.

1907 "צי איר זענט משוגע, צי חסר=דעה, |...| צי
ניט בײַ אַלע געדאַנקען?". שלום-עליכם, ש א, 69

1975 "|...| מאיר טומטום איז בײַ די קלאָרע געדאַנקען".
באַשעוויס, 6, 136. קאנק

אין געדאַנק – ניט אַרויסזאָגנדיק, ניט אַרויסברענגענדיק
אין ווערטער.

1969

"...|...| זיך דערמאָנט, אַז אַזוי שמייכלט נאָר

איציק=ברוך, און געענטפערט אין געדאַנק: אַזוי, קאַנק

געוויס אַזוי". בערגעלסאָן, 1, 76.

1968 "ער האָט אָן אויפהער געזידלט אין געדאַנק

ר' צמחס ווייב". גראַדע, 7, 391. קאַנק

פון געדאַנק (רעדן, זאָגן, דעקלאַמירן) – פון אויסנווייניק,

ניט געלייענט פון אַ בוך. % די דעקלאַמאַציע האָט

דער תלמיד געזאָגט פון געדאַנק און ניט געמאַכט

קיין איין טעות.

(אויפבליצן), ס'בליצט אויף אַ געדאַנק – ←---

בליצן.

אויפגיין אויפן געדאַנק/אויף די געדאַנקען – (עלט)

ארויפגיין

דזוו אַ[illegible] אויפן געדאַנק.

1865 " און עס זאָל ניט אויפֿגיין אויף מײַן געדאַנק

207 |טעקסט: גידאַנקען| (ח"ו) ספּיקות וואָס מאַכן מיך

אומרויִק". איבן ר' ישראל ממינסק, 1, 66.

אויפֿגעבן א געדאַנק – פֿירלייגן, פֿאָרשלאָגן, עמעצן א

פּלאַן, אַן אידעע.

1948 " דעמאָלט האָט ער זיך אויך דערמאָנט, אַז דער

קאנק וואָס האָט אים אויפֿגעגעבן דעם געדאַנק, איז ניט

איינער". דער נסתר, 6, 26.

(אויפֿכאַפּן זיך) ס'כאַפּט זיך אויף [אים] מיר, איר)

א געדאַנק –

1888 "עס באַפּן זיך ביי איר אויף נײַע געדאַנקען,

קאנק פֿרישע געפֿילן". מענדעלע, 3, 188.

(**אויפקומען**) **ס'קומט אויף** (**אים, מיר, איר**) **א גערדאנק** –

1. מע הייבט אָן טראַכן וועגן אַ באַשטימטער קאָנקרעטער זאַך, עס שאַפט זיך אַ באַגריף, אַן אידעע וועגן עפּעס, מע דערמאָנט זיך אין עפּעס.

1948 " ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, ווי צווישן אַלע איבעריקע געדאַנקען משה מאשבערס, **קומט** אים איצט געוויס **אויף דער געדאנק** וועגן צאַלי דערבאַרעמדיקער". **דער נסתר, 6, 48.**

**אויפקומען אין (אויפן) געדאַנק** – דזוו דפוו.

1957 " צי דען **וועט אויפקומען אין** דיין **געדאַנק** אַז עס איז פֿאַראַן |...|, וואָס מע דאַרף באַוואָרענען אַזוי ווייט?". **איבן |ווער?|, ליקוטי אמרים, 1, 314.**

(אויפשיינען) ס'שיינט אויף א/דער געדאנק

בליצן/אויפבליצן.

(איבערגיין) ס'גייט (אים, איר, מיר) איבער א געדאנק

מע הייבט אן טראכטן וועגן עפּעס, אָבער ניט

אָפּשטעלנדיק זיך לענגער אויף דעם, ניט קאָנקרעטי־

זירנדיק מער דעם ענין.

" און מיר הייבט אָן איבערגיין א געדאנק: 1914

אשפּר טאַקע יאָגט מען זיך נאָך אונדז?". 189

שלום=עליכם, 9ב, 15.

איבערטראַגן זיך / אריבערטראַגן זיך מיט / אין

די געדאַנקען – פֿילן זיך צו זיין אין אַן אנדער

אָרט, צייט.

40/1

... " גיי פֿאַרשפּאַר זיך, לערן און טראַג זיך זיך

איבער מיט אַלע געדאַנקען |...| איך אַזאַ צייט, 257

איך אַזאַ אַרט, גאַנץ ווייט און פֿרעמד פֿון דיר".

מענדעלע, 8ב, 75.

אײַנזינקען אין (מיט) געדאַנקען – דזוו פֿאַרזינקען אין

אין געדאַנקען.

1970 " אזוי בין איך אײַנגעזונקען מיט די געדאַנקען

איך א טיפֿן אפּגרונט!" י. באגדאן, יזב זלאטשעוו, ז' 363. 149

(אײַנפֿאַלן) ס'פֿאַלט (אים, מיר) אײַן א געדאַנק –

מע הייבט אָן טראַכטן (ס'רוב געמיינט פּלוצעם,

אומגעריכט וועגן עפּעס קאָנקרעט, מע מאַכט אָן אויספּיר,

מע פֿאַרמולירט אַן אידעע, באַגריף אַע.

... " עס פֿאַלט אים גאר קיין געדאַנק ניט אײַן,

אַז דער בײַטל איז גאר ליידיק". מענדעלע, 27, 29. 457

1908 " דעם פּאָעט איז איינגעפאלן אַ געדאַנק, אַז אונדזער פאָלקס=ליטעראַטור פעלט נאָר איין זאַך - פּאַבלען". 394

שלום=עליכם, 26, 177.

אָפּיאָגן די געדאַנקען - דזוו פּאַרטרייבן די געדאַנקען.

1967 " ער וויל אָפּיאָגן די געדאַנקען, וואָס פּלאָנטערן זיך אַריין אין זיין ברכת=המזון". גראַדע, ~~צ' טמז~~, VI/16. 336

(כשר 69)

(אָפּירקומען) ס'קומט (אים, מיר) אָפּיר אַ געדאַנק - דזוו אויפקומען (אַ געדאַנק).

1888 " עס קומט אים אָפּיר באַלד טאַקע אויפן געדאַנק משהלע". מענדעלע, 3, 164. קאַנק

אָפּווענדן (וואָר: אָפּקערן) דעם געדאַנק - באַמיען זיך ניט צו טראַכטן אָדער גורם זיין דאָס ניט טראַכטן וועגן עפּעס.

1957 " און אז ער ווענדט אפּ זיין געדאַנק דערפֿון

192 |פֿון מחשבֿות=זרות|, איז ער מקיים דעם לאו |...|,

גיט מען אים שכר, גלייך ווי ער וואָלט טאָן אַ מצווה".

איבן |ווער|, ליקוטי אמרים, ז' 66/132.

אפּקערן דעם געדאַנק - דזוור דפוו.

1957 " כאַטש זיי |די מחשבֿות זרות| פֿאַלן אים אַריין

135 |...|, קערט ער אַפּ זיין געדאַנק דערפֿון". דצוו, ז' 66/132.

אַראָפּ(גיין) פֿון די געדאַנקען - פֿאַרלירן דעם קלאָרן

זינען, משוגע ווערן. % דאָס אומגליק האָט אויף

אים שרעקלעך געווירקט, און ער איז נעבעך,

אַראָפּ פֿון די געדאַנקען.

(אַרויס) ס'איז (אים, מיר, איר) אַרויס פֿון געדאַנק –

ער האָט פֿאַרגעסן. % ער האָט זיך פֿאַרלייענט, און
ס'איז אים אַרויס פֿון געדאַנק, אַז ער דאַרף זיך טרעפֿן
מיטן חבֿר.

אַרויסלאָזן פֿון געדאַנק – דזוו דפֿוו.

1948 " מ'האָט, מחמת דער קאָפּ איז דערשלאָגן, דאָס גלייך
פֿון געדאַנק אַרויסגעלאָזט ". דער נסתר, 6, 113. קאַנק

אַרויסברענגען אַ געדאַנק – אַרויסזאָגן, אויסדריקן,
פֿאָרמולירן אַן אידעע.

1943 " האָט ער זיך מיט אַ האַלב שוין געליימטער צונג
פֿאַרפּלאָנטערט און האָט נאָר פֿאַרענדיקן געקאָנט מיט קאַנק
אַ שטיל אומזיניק כיכיקעריי, |...| מחמת ניט קאָנענדיק
דאָס לעצטע וואָרט, דעם לעצטן געדאַנק אַרויסברענגען".
דער נסתר, 5, 259.

ארויסברענגען פון די געדאנקען – איבעררייסן דאס טראכטן, שטערן צו טראכטן, אפווענדן פון טראכטן וועגן עפעס.

1888 " א קלאפ אין דעם פאדער=חדר ברענגט ארויס רפאלן פון זיינע געדאנקען". מענדעלע, 3, 222. קאנק

ארויסשלאגן פון די געדאנקען – דזוו דפוו.

1943 " ער האט פריער געהאט געפרווט א ביסל שמועסן וועגן זייטיקע ענינים, כדי מעגלעך אים פון די געדאנקען ארויסשלאגן". דער נסתר, 5, 403. קאנק

ארויסשלאגן זיך פון די געדאנקען – 1. פארלירן די קאנצענטראציע אין טראכטן, ניט קענען ווייטער טראכטן וועגן דעם אייגענעם.

1864 " אין שטיבל הייבט זיך אָן צו רירן, און איך

שלאָג מיך ארויס פֿון די געדאַנקען". מענדעלע, 79. קאנק

2. אויפֿהערן (אויף גוואַלט) אין גאַנצן צו טראַכטן וועגן עפּעס, פֿאַרגעסן. % פֿון דיין חלום צו פֿאַרן וועט גאַרנישט ווערן, דאַרפֿסט זיך עס ארויסשלאָגן פֿון די געדאַנקען.

1864 " און מיר איז ארויף אויפֿן געדאַנק דער מחותן!

אפֿשר טשאַטעוועט אויף מיר דער מחותן". מענדעלע, 6.12. קאנק

ארויפֿברענגען (וואַר: ארויפֿפֿירן) אויפֿן געדאַנק – גורם זיין דאָס טראַכטן וועגן אַ באַשטימטן עניין, ארויסרופֿן אַ באַשטימטע אידעע, פֿאַרשטעלונג, באַגריף ביי עמעצן.

1943 " ער האָט אויף די ביימער מיט די שוין האַלב
פֿאַרגעלטע בלעטער געקוקט, וועלכע האָבן אים אויפֿן קאנק
טרויעריקן געדאַנק אַרויפֿגעבראַכט |...|".
דער נסתר, 5, 309.

אַרויפֿגיין אויפֿן געדאַנק – דזוו אַרויפֿקומען אויפֿן געדאַנק.

1892 " אַז ער גייט מיר אויף מיינע געדאַנקען אַרויף,
קערט זיך מיר איבער די [דער] מאַרך אין מיין קאָפּ". 258
בודזאהן, 1, 58.

אַרויפֿפֿירן אויף אַ געדאַנק (וואַר: אויף די געדאַנקען) –
דזוו אַרויפֿברענגען אויף אַ געדאַנק.

1881 " זיין פֿעסטער באַשלוס זיינע עלטערן צו העלפֿן
האָט אים אויף די געדאַנקען אַרויפֿגעפֿירט". 309
יה"ל, 1, 17.

ארויפקומען אויפן געדאנק – אנהייבן טראכטן וועגן א
באשטימטער זאך. דערמאנען זיך אין עפעס.

1887 " אנזעצן? |...| דאס קומט מיר גארניט ארויף
אויף דעם געדאנק |טעקסט: געדאנקען|". 356
דיק, 97, 10.

ארומטראגן זיך מיט א געדאנק – טראכטן כסדר, א סך
וועגן א געוויסן ענין, פלאנעווען, פארטראכטן א
פלאן.

1946 " דער זיידע האט זיך ארומגעטראגן מיטן געדאנק
צו מאכן א גרויסע פישצוכט און פארלייגן סטאוועס". קאנק
י.י. טרונק, 4, 285.

אריבערטראגן זיך מיט (אין) די געדאנקען – דזוו
איבערטראגן זיך מיט די געדאנקען.

(אריין) א/דער געדאנק – ס'איז (אים, מיר, איר) אריין א געדאנק – דזוו ס'איז אריין געקומען א געדאנק.

1864 " פּלוצעם איז מיר, ווי א בליץ אריין דער געדאנק זיך שטעלן פאַר אַ משרתל ביַים דאָקטאָר שטיינהערץ!". קאנק

מענדעלע, 12, 62.

(ארייַנבליצן) ס'בליצט אריין א געדאנק – דזוו (בליצן) ס'גיט א בליץ א געדאנק.

1961 " אים האָט אויך אריינגעבליצט א געדאנק, אַז ער זאָל איידער וואס איידער ווען אַריַינלויפן 163 צו זיַין טאָכטער". העפּטערמאַן, צ' פאר 155, 8/X.

אריינגעבן א געדאנק – דזוו אויפגעבן א געדאנק.

**ארייננעמען זיך א געדאנק/אין די געדאנקען** – איינרעדן
זיך עפּעס, איינשפּארן זיך אויף עפּעס, שטאַרק שטרעבן
צו עפּעס. % ער **האט זיך אריינגענומען אין די געדאנקען**,
דווקא אַ שטוב מיט אַ גאָרטן, מיט ברוכטביימער.

(**בליצן**) **ס'טוט א בליץ א געדאנק** – ס'קומט פּלוצעם,
אומגעריכט אַ געדאַנק, וואָס באַלייכט די פּראָבלעם.

1923 " **א געדאנק האט אין קאפּ א בליץ געטאָן:**
צוריק!". זאק. 1, 262. 365

**ברענגען אויף די געדאנקען** – אָנהייבן צו טראַכטן
(ס'רוב געניצט אין נעגאַטיוון זאַץ). % דו זאָלסט
אים גאָר ניט **ברענגען אויף די געדאנקען** דיין פּלאַן,
ווייל ער וועט אין כּעס ווערן.

1866 " איר האָט מיר דערציילט, אַז ביי ייִדן קען
אויך זיין ליבע, זאָנסט |=אַניט| וואָלט איך 343
קיין מאָל ניט געוואַגט עס אויף די געדאַנקען צו ברענגען". 343
פּער 177
~~צ' קם~~, נ' 47, ז' 721.

(דורכגיין) ס'גייט דורך (אים, איר, מיר) א געדאַנק –
ס'קומט אַ געדאַנק און פֿאַרשווינדט, מע שטעלט זיך ניט
אָפּ לענגער צו טראַכטן דערפֿון.

1948 " קוקנדיק אויף גיטעלען, פֿלעגט אַ מאָל מלפּה=ריוועז
דורכגיין אַ געדאַנק פֿון קליינלעכער קנאה |...|". קאנק
דער נסתר, 6, 293.

(דורכדרינגען) ס'דרינגט דורך אַ געדאַנק – מע ווערט
שטאַרק פֿאַראינטערעסירט (באַווירקט, באַאיינדרוקט)
מיט דעם ענין וועגן וועלכן מע טראַכט.

1968 " דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק, אַז ער לעבט אויף
דער וועלט דורך די חסדי=הבורא כדי צו לערנען קאנק
תורה לשמה |...|". גראַדע, 7, 131.

51 (דורכלויפֿן/דורכפֿליִען) ס'לויפֿט דורך/ס'פֿליט דורך א

געדאַנק – דזוו ס'גייט דורך א געדאַנק, אָבער

עמפּאַטישער וועגן דער גיכקייט, פּלוצעמדיקייט.

1943 " און אַ געדאַנק איז אים דערביי דורכגעלאָפֿן, אַז דאָס אַלץ

א געדאַנק: נייע צרות!". ~~גראַדע, 7, 375.~~ קאַנק

[...] " ... דער נסתר, 5, 361.

(דורכנעמען) ס'נעמט דורך |...| – דזוו ס'דרינגט

דורך |...|.

האָבן אויפֿן/אין געדאַנק – 1. האָבן בדעה, האָבן די

כוונה. % זיי האָבן אויפֿן געדאַנק צו רעמאָנטירן

די דירה, אָבער מע מוז עס דערווייל אָפּלייגן.

1920 " איך באַשולדיק נישט ספּעציעל די אינערלעכע

טענדענצן פֿון דער פֿרוי און האָב אויך נישט אין 461

געדאַנק עס אָנצוהענגען אויף די פּלייצעס פֿון גלות,

ווו אונדזער לעבן געפֿינט זיך אין ספּעציעלער

באַדריקונג און, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אויך די פֿרוי".

~~זב פֿון פּוילן, ז' 129.~~

2. האָבן אין זינען, געדענקען. % אז די וועסט זײַן אין מאַרק, זאָלסטו אויך האָבן אין געדאַנק צו קויפֿן גרינוואַרג.

ליגן זיך אויפֿן געדאַנק – זײַן שׂכלדיק, לאָגיש, מע קאָן עס אָננעמען, מסכּים זײַן דערמיט.
% דײַן פּלאַן ליגט זיך מיר אויפֿן געדאַנק, אָבער מע דאַרף נאָך דורכטראַכטן געוויסע פּרטים.
עס ליגט זיך ניט אויפֿן געדאַנק, אַז ער זאָל האָבן געטאָן אַזאַ עוולה, מע קען אים פֿאַר אַן אָרנטלעכן מענטשן.

(מאטערן) ס'מאטערט (מיך, אים, זי) דער געדאנק -
אינטענסיוו און לאַנג טראַכטן וועגן אַ געוויסן ענין.
% ס'מאַטערט אים דער געדאַנק, אַז ער וועט ניט קריגן
קיין פּאַסיקע אַרבעט.

נעמען אויפן געדאַנק - אָנהייבן טראַכטן וועגן עפּעס
קאָנקרעט, נעמען אין באַטראַכט, אָננעמען.

1948 " האָט זי |גיטעלע| נאָכגעלאָזט, נאָכגעגעבן, און
די זאַך, וואָס איז איר ערשט אַזוי פּרעמד געווען און
אוממעגלעך אויפן געדאַנק צו נעמען - גלייך נאָך שבעה
|...| גאָר ריידן וועגן חתונה - איז איצט |...|
ביי איר רעכט געוואָרן". דער נסתר, 6, 129.

קאָנק

(עקבערן) ס'עקבערט דער געדאַנק - דזוו (מאַטערן)
ס'מאַטערט דער געדאַנק.

1948 " כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז חלום בלײַבט חלום,

דאָך האָט אים דער געדאַנק געעקבערט". דער נסתר, 26,6. קאַנק

פֿאַלן אויף אַ געדאַנק – געפֿינען אַ באַשייד צו אַ געוויסער פּראָבלעם, דערטראַכטן זיך צו אַן אויספֿיר, לייזונג (אָפֿט געמיינט – פּלוצעם, אומגעריכט), האָבן אַ גוטן אײַנפֿאַל.

[29/8 ?]

1935 " די מומע נעכע איז פּלוצלונג ווידער געפֿאַלן

אויף אַן אומגעריכטן געדאַנק...". מ. קולבאַק, 74. קאַנק

1943 " איידער, הייסטעס, נאָך פֿרעמדע האָבן זיך דערצו

דערטראַכט, זײַנען שוין אייגענע קינדער אויפֿן געדאַנק קאַנק

געפֿאַלן". דער נסתר, 5, 333.

פֿאַרזינקען אין געדאַנקען – אינטענסיוו און לאַנג טראַכטן וועגן עפּעס, ניט באַמערקנדיק וואָס אַרום טוט זיך.

1968 " געגאַנגען איז ער פּאַמעלעך, ווי פֿאַרזונקען אין
געדאַנקען". גראַדע, 7, 53. קאנק

פֿאַרטיפֿן זיך אין געדאַנקען – דזוו דפּוו, ס׳רוב געניצט
אין דער פֿאָרמע פֿון פּאַרטיציפּישן אדווערב:
פֿאַרטיפֿט אין די געדאַנקען".

1888 " דאָס |...| האט מיט דער צײַט אויף הערשעלען
געווירקט אַרײַנצולאָזן זיך |...| אינעווייניק קאנק
אין זיך, אַלץ טראַכטן און פֿאַרטיפֿט זײַן אין זײַנע
געדאַנקען". מענדעלע, 3, 117.

פֿאַרטרייבן דעם געדאַנק/די געדאַנקען – באַמיִען זיך ניט
צו טראַכטן וועגן א געוויסן ענין, אויפהערן צו
טראַכטן.

... " איך האָב זיך אויפגעהויבן און בין צוגעגאַנגען
נענטער צו דער חברה, כדי צו פֿאַרטרייבן די שווערע 203
געדאַנקען". מענדעלע, 21, 17.

1943 " אַ סבֿרא, לויזי? - האָט ער זיך תּיכּף נאָכן
אויפֿכאַפּן אַ טראַכט געטאָן. - ניין, - האָט ער דעם קאַנק
געדאַנק פֿאַרטריבן". דער נסתר, 5, 74.

פֿאַריאָגן דעם געדאַנק/די געדאַנקען - דזוו דפֿוו. -

פֿאַרשלאָגן די געדאַנקען - שטערן צו טראַכטן, גורם זײַן דאָס איבעררײַסן צו טראַכטן, צעטומלען אין מיטן טראַכטן. % די קינדער טומלען און פֿאַרשלאָגן מיר מײַנע געדאַנקען.

1948 " דאָס איז זי אַלץ גנעסיען אַזוי שטרענג אָנגעפֿאַלן-ערשטנס, כּדי יענער די געדאַנקען צו פֿאַרשלאָגן".
דער נסתר, 6,130.

צולייגן דעם געדאנק - באמיען זיך צו פארשטיין,
אריינטראכטן זיך, אכט לייגן, זיין אויפמערקזאם.
% מע דארף גוט צולייגן דעם געדאנק צו באנעמען דעם תוך
פון דעם ספר.

צונויפנעמען די געדאנקען - קאנצענטרירן זיך אין
טראכטן. ר % ער האט בשום אופן ניט געקאנט
צונויפנעמען די געדאנקען און געפינען דעם טעות
אין חשבון.

צעמישן די געדאנקען - פארטומלען, שטערן צו טראכטן, דורך
אדער דורך איבעררייסן ביים אויסדריקן זיך.
% מע האט אים עטלעכע מאל איבערגעריסן אין מיטן
דער רעדע און אין גאנצן צעמישט זיינע געדאנקען.

1968 " קומט אן דער שטן מיט בייזוויל און שפאט,//
און נעמט און צעמישט די געדאנקען".
מאניק, 3, 114.

צעשלאָגן די געדאַנקען - דזוו פֿאַרשלאָגן די געדאַנקען.

1888 " זי צעשלאָגט מיר אַלע מײַנע געדאַנקען מיט

איר איצטיקער אויפֿפֿירונג". מענדעלע, 2, קאַנק547220. 381

קומען אויפֿן געדאַנק - 1. אָנהייבן טראַכטן קאָנקרעט

וועגן אַ געוויסן ענין, קריגן אַ באַגריף, אַ פֿאָרשטעלונג,

אידעע וועגן עפּעס.

1968 " זײַן בעל=הביתטע, אַן אלמנה, האָט געהאַט אַ

שטוב מיט טעכטער. איז איר געקומען אויפֿן געדאַנק,

אַז אויך זי איז ווערט בײַ גאָט אַן איידעם אַ

לערנער". גראַדע, 7, 283.

2. דערמאָנען זיך אין עפּעס, אַרויסרופֿן פֿון זכרון.

1888 "גם צפור מצאה בית", אויף דאָס פייגעלע

קאנק געפינט איר היי־זל, – קומט ר' אברהמען אויפן געדאַנק

דער געוויסער פסוק אין תהילים". מענדעלע, 3, 135.

קומען צו די געדאַנקען – 1. קומען צום באַוווּסטזיין

(נאָך חלשות).

1889 " ר' חיים איז אַקעגן טאָג געקומען צו די געדאַנקען,

144 זיך פלוצעם אויפגעזעצט, אַנטוענדיק זיך אַ כוח".

מענדעלע, 8ב, 123.

2. קומען צו זיך נאָך אַ צעטומלעניש, נאָך אַ קלאַפּ, אָנהייבן טראַכטן ווי געהעריק.

1888 " די וועלף |די כאַפּערס| אָבער האָבן |...|

קאנק אים אַ שליידער געטאָן פון זיך, אַזוי אַז ער האָט

זיך צוויי מאָל איבערגעקערט אויף דער ערד, און

ביז וואַנען ער איז געקומען צו די געדאַנקען,

זענען זיי שוין געווען אויף אַ היפּשער שטרעקע ווייט".

מענדעלע, 3, 167.

ראַנגלען זיך מיטן גערדאַנק/מיט די געדאַנקען – האָבן ספקות, קווענקלען זיך, ניט קענען באַשליסן, ניט וועלן טראַכטן וועגן אַ געוויסער זאַך.

1888 " ר' אברהם ראַנגלט זיך מיט די געדאַנקען, כאַפּט זיך צו באַשעפּטיקן מיט ערנצטע זאַכן |...|". קאַנק

מענדעלע, 3, 314.

שלום מאַכן מיטן געדאַנק – מותּר זײַן אויף עפּעס, וואָס מ'האָט פריער געטראַכט, מסכּים זײַן אויף עפּעס וואָס ס'איז ניט ניחא געווען. ס'האָט זיך איר אויך געוואָלט פאָרן, אָבער צוליב די קינדער האָט זי שלום געמאַכט מיטן געדאַנק צו בלײַבן אין דער היים.

61 שפּינען די געדאַנקען – פֿאַרבינדן איין געדאַנק מיט אַ
צווייטן און אַזוי ממשיך זײַן, שאַפֿנדיק אַ קייט
פֿון געדאַנקען.

1960 " דער וואָס האָט אַליין אויסגעשוויגן אין זיך
אַזעלכע לידער, |...| האָט זיי אין זיך אויך אַזוי 228
אײַנגעביסן, אַז ער שפּינט ווײַטער |...| זײַנע
<u>געדאַנקען</u>". גלאַטשטיין, 2, 224.

<u>שור</u>: <u>צוויי נשמות און איין געדאַנק</u> – געזאָגט וועגן
צוויי גוטע חברים, גוטע פֿרײַנד, אויך וועגן
אַ פֿאַרפֿאַלק וואָס לעבן גוט צוזאַמען.

<u>אַז מע קומט איבער די פּלאַנקען</u> |= פּאַרקן, גרענעץ|,
<u>באַקומט מען אַנדערע געדאַנקען</u> (<u>וואַר</u>: אַ) אַז מע קומט
איבער די שראַנקען |...| ; ב) <u>פֿון יענער זײַט פּלאַנקען</u>
<u>אין אַנדערע געדאַנקען</u> ) – 1. געזאָגט וועגן קינדער
וואָס פֿאַרן אַוועק און פֿאַרגעסן די עלטערן.
|י. טשערנאַק, "שפּריכווערטער" XXVI – 3, ז' 86|.

2. אַז מע קומט איבער אַ סכּנה, קריגט מען מער מוט,

62 ווערט מען האַפּערדיק ביַי זיך|אי. בערנשטיין, 56.1|.

ם גידאַנק/גדאַנק/גידאַנקן. מה"ד: gedank(e), gedanc

1. ←-----

... "וְהֶגְיוֹנָם – און איר גדענקא, ל' מחשבה". 

רייכלין 8, איכה, ג – 20. 175

1544 " איר וואַט דער יודן שונן הער און' קויניג

רייך.// נון אישט אל איר גידאַנקן גויאַרט אויף 212

אויך אַליין". שמואל=בוך, סטראָפע 1547.

1648 " גאַטס גינאַד זיא האַט קיין ענד // איז ניט

קומען |=געקומען| אויז אונזרם גידנקן". 384

מגילת ווינץ, ז' 8.

1716 " דעך אלש וואש דא קען מיט אונזך <u>גידאנקן</u>

באטראכט אונ׳ פר גליכן ווערן דש זיינן זאכן וואש 487

זונדר |=מחוץ| גאט איז". <u>חובות הלבבות 1, כח -2</u>.

----> 2.

1626 " |...| דיא עניים ווערן בגריפן (במזימות)

אין די ביזן <u>גידנקן</u> פון דיא רשעים". 485

<u>ס׳ המגיד, 1, תהילים, י׳ - ב</u>.

1723 " דען ווען איינר דען אנדרן אן זיכט דא קומט

אים אנדרי <u>גידאנקן</u> צו". <u>לב טוב, 2, 10 - I</u>. 206

----> 3.

1610 " ווען ניט מיין <u>גידאנקן</u> אייער <u>גידאנקן</u>

אונ׳ אייער וועג מיין וועג". <u>טייטש=חומש,</u> 193

<u>הפטורה, ישעיה, נה - ח</u>.

----- 4.

... " ומזימה - אונ׳ <u>גדענקא</u>". <u>רייכלין 8, משלי, א- ד</u>.

15461 " נון אישט אל איר <u>גידאנקן</u> אויך צו שלאגן

טוט". <u>שמואל=בוך, סטראפע 1548</u>. 368

געדאַנקט - פֿאַר פון דאנקען.

ג ע ד אַ נ ק י ק - אַדי/אדוו. (שנש, סטוטש 309)

דזוו געדאַנקלעך.

66 - 37/ ג ע ד אַ נ ק ל ע ך - אַדי/אַדוו. 1. אין געדאַנק,

מיטן געדאַנק.

1921 " איך קני דאָן געדאַנקלעך מיט גרויס דרך=ארץ,

// פֿאַר דעם, וועלכער האָט דאָ געפֿונען זײַן רו". 508

סעגאַלאָוויטש, 7, 14.

1960 " ער האָט זיך געדאַנקלעך דערטראַכט, אַז ס'איז

דאָ השגחה פֿון דעם כביכול". סיימאָן, 2, 249. 502

2. לויט די געדאַנקען, אידעיִש, אינטעלעקטועל.

1912 " טאָלסטאָי און ניטשע - האָבן אַנטקעגן מאַרקסן;

ניטשע און מאַרקס - געדאַנקלעך פֿאַרבונדן אַנטקעגן טאָלסטאָי". 506

זשיטלאָווסקי, 1, 47.

1958 " פֿונעם שרײַבערס קלאָרקייט ווערט |...| דעם

לייענער עפּעס ליכטיקער אויף דער פּאָליצע פֿון 497

זײַן געדאַנקלעכן בראַכוואַרג". ביקל, 1, 203.

1966 " צווישן זיי איז געשטאַנען אַ געדאַנקלעכער

מויער". צאַנין, 1, 95. 501

|| <u>געדאַנקלעכקייט</u> — <u>די, באַ.</u> שׂכלדיקייט, אינטעלעקטועלקייט.

1923 " גאָט, פֿון שפּינאָזאַס שטאַנדפּונקט, איז אומענדלעך,
און דערפֿאַר האָט ער אַן אומענדלעכע צאָל אַטריבוטן, 510
פֿון וועלכע מיר ווייסן נאָר צוויי און דאָס זענען:
רוימלעכע אויסגעשפּרייטקייט, אָדער מאַטעריע, און;
רוימלאָזע <u>געדאַנקלעכקייט</u>, אָדער גייסט".
<u>נאַטאַנסאָן, 1, 13.</u>

1938 " בכדי די ברייטסטע פֿאָלקסשיכטן זאָלן האָבן ד י
מעגלעכקייט |...| צו געניסן די טיפֿע <u>געדאַנקלעכקייט</u> 511
פֿון |...| אונדזערע חכמי=התורה |...|".
<u>נ. ליפשיץ הלוי, 1.</u>

1951 " די הלכה און חקירה |...| האָבן פֿאַרהאַרטעוועט
זייַן פּערז, |...| אַרייַנגעגעבן אין זייַן ליד 512
<u>געדאַנקלעכקייט</u>, עס זאָל ניט ווערן לעבלעך זיס פֿון
סענטימענטאַלישקייט". <u>מ. יאַפּע, ~~זב ליטע, 1~~ פּאָר 106, 791.</u>

68

געדאנקעכץ - דאס, בא. (ביטול) א געדאַנק אָדער געדאַנקען, דאָס טראַכטן.

1971 "איך באַווייַז נאָך צו דערטראַכטן די משונהדיקע מחשבה, אַז װען איך וואָלט געווען קיניג פון דער מדינה, וואָלט איך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַרייַנצוּוואַרפן אין ים אַרייַן אַלע זייגערס |...| און דאָ, בייַ דעם געדאַנקעכץ, דערלאַנגט זיך אַ הייב פונעם בית-עולם דער היישעריק |...|". סוצקעווער, 7, 100.

ג ע ד א נ ק ע ן - 1. מצ פֿון געדאנק.

2. דער, פֿאַרעלטערטע פֿאָרמע(דיאַל. ליטע?) פֿון סוב

~~געדאַנק, איינצאַל,~~ (מצ דן) ~~(ב דזוו)~~ געדאַנק ב 1}.

1844 " אויפֿן שטייגער איז בייא מיר געווען א

521 געדאנקען, קינדער צו פערזארגען, זייא אלס אב צו

געבען |...|". ליאן דאר. 1, 56.

1887 " אַנזעצן? |...| דאַס קומט מיר גאָר ניט אַרויף

356 אויף דעם געדאנקען". דיק. 97, 10.

□ גידאנקן

[ ] " אונ' זיא |די טראַגעדיקע ווייבער| נור איכטשים

251 איין גידאנקין דרויף האבן |...|". גליקל האמיל, ז' 185.

1716 " אונ' ווען עס ווערט דיר איבל גין ווערט ער

487 |דער יצר=הרע| דיר אין דיין גידאנקן ברענגן דען

וואול שטאנד פון די רשעים". חובות הלבבות 1, דף קא - ז.

69/1   ג״ז

?נ?   ג ע ד אַ נ ק ע ן = ש ט ר י ך - דער, =ן. (<u>דטשמ</u>)

טירע́, פּויזעשטריך.

ג ע ד אָ ס ט - <u>פֿאַר פֿון</u> <u>דאָסן</u>.

71 - 3ײַ

ג ע ד אַ צ ט - <u>פֿאַר פֿון דאַצן</u>.

72 – גײד

ג ע ד אָ ק ט ע ר ט – פֿאַר פֿון דאָקטערן (זיך).

ג ע ד אַ ר ב ט – פֿאַר פֿון דאַרבן.

7A — גיד

ג ע ד אַ ר ט – אַדי/אַדוו. (עלט) טרוקן, (אויס)געטריקנט.

1856 " זיי האבן מיט זיך געבראכט איין קארב מיט

567 פרישע טרויבן און געדארטע פייגן". אנ, הנסיון, ז׳ 6.

ם גידארט/גדארט/גדערט.

1717 " אונ׳ ווען זיא הארט צו קינד גיט נעם פערדש

566 דרעק גידארט אונ׳ גישטוסן אונ׳ איר מיט וויין אבר

וואשר צו טרינקן געבן אז זיא ניט ווייש".

ס׳ החיים II, דף נח.

75

געד – [redacted]

1752 " קיין אום צייטיגי פֿיר' |פֿירה| צו עשן אונ'

ווען זי שוין צייטיג זענן דאך ניט פיל צו עשן זיא 564

מעגן זיין פריש אבר גדערט דען זיא זענן אזו מסוכן".

ס' עץ חיים, דף כו – 4.

75/1

ם |געדאַרנט| ג י ד ו ר נ ט - אַדי/אַדוו. וואָס איז
פֿון (מיט) דערנער.

1610 " אונ׳ ער זאך זיצר דש לנד כנען די טרויארונג
איך שוייאר |שיִער| די גידורנט". טייטש=חומש, 568
בראשית, נ - יא.

---

רעד: תּי גיט: בגרן האטד - ביי דעם שיִער פֿון
אטד. אין עברית מיינט ׳אָטד׳ א ספּעציפֿישן
דאָרן=געוויקס, Lycium.

---

76 - 374 ג ע ד אַ ר ף I - (עלט) דזוו דאַרף (דריטע פּערזאָן
איינצאָל פון דאַרפֿן).

1864 " וואָס ווייסן הינער? פּיקן טאַקע אַלץ, געדאַרף,
קאַנק א, אין דר׳ערד אריין, לעגן א הילצערנער לעפל ...".
מענדעלע, 12, 71.

?נ? ג ע ד אַ ר ף II - דער, בא. (שנש) דער סכום, סך=הכל
569 וואָס מע דאַרף האָבן, דער נאָכפּרעג. % דער געדאַרף
אויף צוקער איז גרעסער פון דעם רעזערוו אין די
קראָמען.

רעד: דאָס וואָרט איז פון אַ זאַמלער, אַן אויסטייטש,
אַן ציטאַטע, דער אויסטייטש איז מיינער - ס׳געפעלט
מיר דאָס וואָרט...

77 - גט

געדאַרפֿט — 1. פֿאַר פֿון דאַרפֿן.

2. (שנש) נייטיק, וואָס מע דאַרף האָבן, געוווּנטשן.

1943 " דאס געדאַרפֿטע, דאָס פֿאַר אונדז געוווּנטשענע,

וועט קומען במילא". דער נסתר, 5, 21. 571

1955 " און דאָ בין איך, אַ ניט=געדאַרפֿטער, אַ פּאָעט

בײַ ייִדן". מאני לייב, 1, 320. 570

ג ע ד א ר ש ט - (פאר פון דארשטן.

געדאָרשט || — דאָס, באַ. (שנש) דויערנדיקער דאָרשט,
דאָס דאָרשטן אַ סך, לאַנג.

1937-1939 "און מײַנע אויגן — יאָגעדיקע אײנדן,//
וואָס טוען דאָרשטן מיט אַ גרויס געדאָרשט, // נאָך
עפּעס א געשטאַלט". סוצקעווער, 3, 156.

80 - 3גז

גז

ג ע ד ב ר ט |דאַבערש| - פֿאַר פֿון דברן.

ג ע ד ו י ב ע ט – פאר פון דויבען.

ג ע ד ו י ל – דער, =ן. " מין באַר(באַרנע), האָט
די פֿאַרעם פֿון אַ גלאָק, ביים שטעקעלע שמאָל,
אונטן ברייט"|קטוו|. 575

83 - גען

?נ? ג ע ד ו י נ ט ^ם^ - בנב.

1689 " ליות מעשה מורד - געדוינט". באר משה,

576 מלכים א׳, ז - 29.

תי: ליות מעשה מורד - קרענץ פון ׳אראפגעהאנגער
ארבעט׳.

84 — 3ײַ

ם ג ע ד ו י נ ע – ----⟵ געדאָנע.

85 - 3ע״ג

ג ע ד ו י ע ר - דער, בא. (שנש) דאָס דויערן/אויסדויערן,

דאָס זייַן/בלייַבן לאַנג.

1940 " די ווינטערנאַכט - זי יאָמערט אין

578 געדויער". לייוויק, 6, 476.

1948 " פֿון אוראַלט פֿאַרבליבן: אי חכמה אי טרויער //

